NYC Department of Social Services

OFFICE OF CIVIL JUSTICE

# ניו יארק סיטי אפיס פון די ציווילע יוסטיץ'ס (Office of Civil Justice) פראגראמען צו צושטעלן יוניווערסעל צוטריט צו לעגאלע סערוויסעס פאר טענענטס אויף וועם עס דראעט ארויסגעצווינגען צו ווערן פון זייער דירה

אין 2017, האט די ניו יארק סיטי קאונסיל אדורכגעפירט לאקאלע געזעץ 136, וואס איז היינט פארשריבן אלס קאפיטל 13 פון טיטל 26 פון די ניו יארק סיטי אדמיניסטראטיווע קאוד, אויך באקאנט אלס ניו יארק סיטי'ס היסטארישע יוניווערסעל צוטריט צ לעגאלע ראט געזעץ (Universal Access to Counsel Law), וועלכע טוט באאויפטראגן דער אפיס פון ציווילע יוסטיץ (OCJ) מיט'ן צושטעלן צוטריט צו לעגאלע סערוויסעס פאר טענענטס אויף וועם עס דראעט ארויסגעצווינגען צו ווערן פון זייער דירה דורך א האוזינג געריכט אדער אפצוהאקן זייער קאנטראקט דורך א ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט (New York City Housing Authority, NYCHA) אדמיניסטראטיווע פראצעס. דער געזעץ פארלאנגט אז דער ציווילע יוסטיץ אנפירער (Civil Justice Coordinator) זאל אפהאלטן א יערליכע פובליק הירינג צו באקומען רעקאמענדאציעס און קאמענטארן איבער ד פראגראמען.

## ווען און וואו קומט פאר די הירינג?

דינסטאג, דעצעמבער 9, 2025
6 P.M. ביז 9 P.M.
125 Worth St, 2nd FL Auditorium, New York, NY 10013

## וויאזוי קען איך אנטיילנעמען?

סיי ווער קען זיך באטייליגן ביי די פובליק הירינג. איר קענט צושטעלן קאמענטארן אדער באמערקונגען אנבאלאנגט דער יוניווערסעל צוטריט צו לעגאלע סערוויסעס (Universal Access to Legal Services) פראגראם דורך:

### פובליק הירינג

איר קענט זיך אויפשרייבן צו רעדן ביי די פובליק הירינג דורך רופן **929-221-5422** אדער דורך שיקן אן אימעיל צו civiljustice@hra.nyc.gov אום אדער איידער דעצעמבער 8, 2025. רעדנערס וועלן אויפגערופן ווערן לויט'ן סדר וואס זיי האבן זיך איינגעשריבן און וועלן ערלויבט זיין צו רעדן פאר מערסטנס דריי מינוט.

### פאסט

איר קענט שיקן אייערע שריפטליכע קאמענטארן אויף פאסט צו:

Office of Civil Justice / ATTN: HEARING COMMENTS
NYC DSS Office of Legal Affairs
150 Greenwich Street, 38th Floor
New York, NY 10007

### אימעיל

איר קענט שיקן אייערע שריפטליכע קאמענטארן דורך אימעיל צו civiljustice@hra.nyc.gov
ביטע לייגט אריין "Hearing Comments" (הירינג קאמענטארן) אין די סובדשעקט ליניע פון אייער אימעיל.

**די דעדליין אריינצוגעבן שריפטליכע קאמענטארן איז דעצעמבער 9, 2025**

**אויב נויטיגט איר זיך אין הילף אנטיילצונעמען אין דעם הירינג,** ווי א דאלמעטשער אדער א פארשטענדליכע אקאמאדאציע צוליב א דיסאביליטי, דארפט איר אונז מודיע זיין ביז דעצעמבער 4, 2025. רופט אונז אויף 929-221-5422; שיקט אונז אן אימעיל אויף civiljustice@hra.nyc.gov אדער לאז אונז וויסן דורך פאסט צו דער אויבנדערמאנטע אדרעס.

**א ווארט-ביי-ווארט אויפשרייבונג פון די הירינג** וועט ווערן צוגעשטעלט פארן פובליק אויף די OCJ'ס וועבזייטל, nyc.gov/civiljustice, אפאר וואכן נאכ'ן הירינג.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט OCJ'ס וועבזייטל, nyc.gov/civiljustice